א שטיקל
# אור החיים הק'
ליכטיגקייט פאר די וואך

ליקוטים יקרים
מספר הקדוש
אור החיים עה"ת
על דרך מוסר וחסידות

בעזהשי"ת | פנחס | גליון כ'


# וואס קענען מיר טוהן צו ברענגען משיח?

**בְּנֵי יְהוּדָה עֵר וְאוֹנָן וַיָּמָת עֵר וְאוֹנָן בְּאֶרֶץ כְּנָעַן: וַיִּהְיוּ בְנֵי יְהוּדָה לְמִשְׁפְּחֹתָם לְשֵׁלָה מִשְׁפַּחַת הַשֵּׁלָנִי לְפֶרֶץ מִשְׁפַּחַת הַפַּרְצִי לְזֶרַח מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי:** (במדבר כ"ו, י"ט-כ')

אין די וואכעדיגע פרשה, געפונען מיר אז דער אייבערשטער האט באפוילן משה רבינו צו ציילן די אידן. די תורה רעכנט אויס די משפחות פון די שבטים הקדושים און וויפיל עס איז דא ביי יעדן איינעם. ביי שבט יהודה רעכנט דער פסוק אויס: **בני יהודה ער ואונן וימת ער ואונן.**

**זאגט דער אור החיים הקדוש:** די פסוקים זענען מרמז אויף אלע מיטמאכענישן וואס כלל ישראל איז אדורך אין די פריערדיגע גלות'ן פון ווען מען האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש און די אידן זענען פארטריבן געווארן ביזן יעצטיגן גלות, און אלע צרות וואס מיר מאכן מיט היינט-צוטאגס אין דעם לאנגן גלות.

טייטשט דער אור החיים הקדוש דעם פסוק: **בני יהודה** - דאס זענען די געשעענישן פון די אידן (וואס ווערן אנגערופן יהודים). **ער ואונן** - מיר האבן פארמאגט צוויי בתי מקדשים וואו דער אייבערשטער פלעגט רוען און זיך אנטפלעקן פאר אונז. (**ער** - גייט ארויף אויף דעם ערשטן בית המקדש, וואס "ער" איז א לשון פון זיין וואך און אויף, ווייל דעמאלטס איז דער אייבערשטער געווען פיל מער אנטפלעקט. **אונן** - גייט ארויף אויף דעם צווייטן בית המקדש, וואס "אונן" איז א לשון פון אונאה און צער, וויבאלד דעמאלטס איז דער אייבערשטער שוין נישט געווען אזוי אנטפלעקט; ווי די גמרא רעכנט אויס אז ביי די צווייטע בית המקדש האט געפעלט עטליכע זאכן, ווי די אורים ותומים און דער ארון הקודש...)

זאגט דער פסוק ווייטער: אפילו בזמן שבית המקדש היה קיים, ווען מיר האבן פארמאגט א בית המקדש און דער שכונה הקדושה האט גערוהט צווישן אונז, זענען געווען גוטע צייטן פאר די אידן, דאך **וימת ער ואונן** - די לעכטיגע צייטן האט זיך געענדיגט, דער ביהמק"ד איז חרוב געווארן און מיר זענען פארטריבן געווארן אין גלות, (וואס דאס ווערט גערעכנט ווי געשטארבן ווייל מיר האבן פארלוירן אונזער גאנצע חיות, וואס דאס איז די שכינה הקדושה), און נאך ביז'ן היינטיגן טאג וואנדערן מיר ארום אין גלות צווישן די פעלקער.

טייטשט דער אור החיים הקדוש אריין ווייטער אין פסוק: **ויהיו בני יהודה** - זייט די אידן (בני יהודה) געפונען זיך אין גלות, מאכן מיר מיט אזויפיל צרות און צער (וואס ויהיו איז א לשון צער), **למשפחותם** - אלע אידישע משפחות, וואו אימער עס געפונען זיך נאר אידן, קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען, יעדער ליידט נעבעך אזוי פיל צרות פון די גוים וואס זוכן אונז נאר צו טשעפען.

**זאגט דער אור החיים הקדוש ווייטער:** מיר קענען שוין מער נישט אויסהאלטן דעם לאנגן און ביטערן גלות, מיר אלע ווילן שוין געהאלפן ווערן און אויסגעלייזט ווערן פון גלות. וואס קענען מיר טוהן צו דערנענטערן משיח צדקנו ער זאל אונז שוין אויסלייזן און ארויסנעמען פון גלות?

זאגט אויף דעם דער פסוק: דער וועג ווי אזוי צו ברענגען משיח איז טאקע דורך '**ויהיו בני יהודה**' - ווען די אידישע קינדער וועלן זיין בצער, עס וועט זיי באמת באדערן אז דער שכינה הק' איז בצער זייענדיג אין גלות מיט אונז, און זיי וועלן שטענדיג האפן און בעטן אז משיח צדקינו זאל שוין קומען, און כאטש, **ואף על פי שיתמהמה** - אפילו משיח פארזוימט זיך און עס ציט זיך שוין ליידער אזוי לאנג, דאך, **אחכה לו** - וועלן זיי ווייטער האפן און ווארטן אויף אים יעדן טאג. דעמאלטס, **לשלה** - וועט מען זוכה זיין אז משיח (וואס ווערט אנגערופן מיט'ן נאמען שילה) וועט שוין ענדליך אנקומען, **משפחת השלני** - און מיר וועלן זוכה זיין צו ווערן אנגערופן דעם דור פון משיח, ווייל דורכדעם וואס מיר האבן נישט פארגעסן פון אים און מיר האבן געהאפט און געבעטן אויף זיין קומען, אזוי האבן מיר זוכה געווען אז משיח זאל שוין קומען אין אונזערע טעג.

ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (שבת ל"א ע"א), אז איינע פון די שאלות וואס מען וועט פרעגן די נשמה ווען זי וועט צוריק ארויף קומען אויף יענע וועלט און וועט זיך שטעלן פארן בית דין של מעלה וועט זיין: **ציפית לישועה**? - האסטו געהאפט און געווארט אז משיח זאל שוין קומען? פארוואס וועט מען דאס פרעגן? ווייל נאר אזוי, נאר דורכ'ן כסדר האפן און בעטן אויף משיח צדקנו, און נישט פארגעסן אז מיר זענען אין גלות, נאר דורכדעם וועט ער טאקע אנקומען.

**פירט אויס דער פסוק:** ווען משיח וועט קומען, דעמאלטס, **לפרץ משפחת הפרצי** - וועלן מיר אלע ווערן אנגערופן "בני מלכים" (וואס מלך 'פורץ' גדר), און דער אייבערשטער וועט נקמה נעמען אין אלע גויים (לשון פרצה וחסרון). און צום סוף, **לזרח משפחת הזרחי** - וועט די גאנצע וועלט אויפשיינען מיט א געוואלדיגע ליכטיגקייט, און דער באשעפער וועט זיין אנטפלעקט פאר די גאנצע וועלט.

**לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין:** מיר וואנדערן ליידער שוין ארום אזויפיל יארן אין דעם ביטערן גלות, מיר ליידן אזויפיל צרות און שוועריקייטן, מיר אלע ווילן און ווארטן אז משיח זאל שוין קומען. וואס קענען מיר טאקע טוהן צו מקרב זיין די גאולה און ברענגן משיח נענטער? מיר דארפן געדענקן דער יסוד וואס דער הייליגער אור החיים לערנט אונז: מיר דארפן האפן און בעטן יעדן טאג און נישט פארגעסן אז משיח זאל שוין קומען. און ווען מיר וועלן לעבן מיט דעם, זיך האלטן אין איין דערמאנען און נישט פארגעסן אז מיר געפונען זיך אין גלות, כסדר האפן, מתפלל זיין און קלאגן דערויף יעדן איינציגן טאג מיט אן אמת, וועלן מיר זוכה זיין אז משיח וועט קומען און וועט אונז אויסלייזן פון גלות נאך אין אונזערע טעג.

ווי פאסיג זענען די ווערטער יעצט ווען מיר שטייען ביים אנהייב פון די "דריי וואכן", וואס חכמינו ז"ל האבן אוועקגעשטעלט טאקע פאר דעם ציל - מיר זאלן זיך דערמאנען אז מיר זענען אין גלות און מיר זאלן קלאגן און וויינען אויפן חורבן - לאמיר זיך אלע מחזק זיין און אריינלייגן אביסל מער הארץ. לאמיר געבן א קרעכץ, עס זאל אונז באמת וויי טוהן דעם צער השכינה; און דעמאלטס וועלן מיר אוודאי זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.



פאר הערות אדער צו באקומען דעם גליון שיקט אן אימעיל צו: gilyonohr@gmail.com

# קלאגן אויפן חורבן הבית

עס איז באקאנט אז דער הייליגער אור החיים פלעגט זייער שטארק קלאגן אויפן חורבן. ער פלעגט זיצן און קלאגן אויף דער ערד יעדע נאכט ביי חצות און זאגן "תיקון חצות". ער פלעגט וויינען מיט בכיות נוראות אויפן חורבן און גלות השכינה ווי ער וואלט ממש מיטגעלעבט דעם טראגעדיע פונעם חורבן אין זיינע טעג.

עס איז באקאנט די מעשה אז אמאל איז דער הייליגער אור החיים געגאנגען צום כותל המערבי און זיך אוועקגעזעצט קלאגן און וויינען אויפ'ן חורבן און גלות השכינה. פלוצלינג, האט ער באמערקט א פרוי אנגעטוהן אין שווארצע בגדים. ווען ער האט זיך געוואונדערט ווער דאס איז, האט זי אים מגלה געווען אז זי איז פון די קליפות און זי האט באקומען רשות אים צו נאכיאגן, און למעשה איז טאקע אזוי געווען אז די מידת הדין האט מתגבר געווען און יענעם יאר איז ער נסתלק געווארן און ארויף לגנזי מרומים.

ווי צדיקים האבן אונז אנטפלעקט, האט דער הייליגער אור החיים פארמאגט די נשמה פון משיח אין זיין דור און דער הייליגער בעל שם טוב האט זיך זייער שטארק געוואלט טרעפן מיט'ן אור החיים הקדוש ווייל ער האט געוואוסט אז אויב ער וועט זיך טרעפן מיט אים, וועלן זיי אינאיינעם קענען ברענגען די גאולה. ווי צדיקים האבן מסביר געווען אז דער אור החיים הקדוש איז געווען די בחינה פון די 'רוח' פון דוד, און דער בעל שם טוב די 'נפש' פון דוד, און ווען זיי וואלטן זיך צוזאמען געטראפן וואלטן זיי געקענט אראפברענגען די נשמה פון משיח בן דוד און עס וואלט שוין געקומען די גאולה.

זאל מען שוין טאקע זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

# ענינים

## לרגל יומא דהילולא של רבינו אורה"ק

די וואך דינסטאג ט"ו תמוז פאלט אויס די יארצייט פונעם הייליגן אור החיים הקדוש. דערפאר, וועלן מיר אראפברענגען עטליכע ענינים אויף די גרויסקייט פונעם אורה"ק און זיין הייליגע פטורה.

ווי באקאנט, האט דער הייליגער בעלזער רב זי"ע געהייסן אז מען זאל נישט זאגן קיין תחנון אום ט"ו תמוז אין ארץ ישראל, וויבאלד דער הייליגער אור החיים הקדוש זי"ע ווערט פאררעכנט אלס דער מרא דאתרא פון גאנץ ארץ ישראל.

ווען דער אוה"ח הקדוש איז נסתלק געווארן, האט זיך דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע דעמאלטס געוואשן צו שלש סעודות (רעוא דרעוין), און גלייך נאכ'ן מאכן די ברכת המוציא האט ער אויסגערופן: "דער נר המערבי איז פארלאשן געווארן", וואס מיט דעם האט ער געמיינט די הסתלקות פונעם אורה"ק. ער האט דערנאך מסביר געווען אז עס איז פארהאן א געוויסער סוד ביי נטילת ידים וואס ווערט נאר נתגלה פאר איין אייציגן מענטש אין יעדע דור, און דער הייליגער אור החיים הקדוש זי"ע איז געווען דער וואס האט עס געוואוסט אין די דור. יעצט אבער, איז דער סוד נתגלה געווארן פאר'ן הייליגן בעל שם טוב, און דערפון האט ער פארשטאנען אז דער אור החיים הקדוש איז שוין נסתלק געווארן.

**דער הייליגער חיד"א, וואס איז געווען א תלמיד מובהק פונעם אור החיים הקדוש, דערציילט א מורא'דיגע מעשה:** איין יאר הושענא רבה ביינאכט, איז דער אור החיים הקדוש געזעצן אנגעטוהן אין ווייסע בגדים ביז חצות הלילה. פונקטליך ביי חצות, איז ער אריין אין זיין צימער, ווי ער האט זיך איבערגעטוהן צו שווארצע קליידער און האט אנגעהויבן וויינען מיט ביטערע טרערן אן אויפהער ביז אינדערפרי. ער האט ווייטער ממשיך געווען צו וויינען אן קיין הפסק דורכאויס די גאנצע תפילה אינדערפרי, און אזוי אויך דורכאויס די אלע קומענדיגע טעג ביז די נאכט פון שמיני עצרת.

נאך שמחת תורה, האט זיין הייליגן תלמיד, דער חיד"א, געפרעגט זיין רבי' פארוואס ער האט אזוי געוויינט מיט אזעלכע ביטערע קולות. האט אים דער אור החיים הקדוש מסביר געווען, אז הושענא רבה ביינאכט האט ער אריינגעלייגט כוחות עצומות און געמאכט גרויסע עבודות צו ברענגען משיח צדקנו, און ער האט שוין כמעט מצליח געווען עס אויסצופירן. אבער פלוצלינג האבן זיך די כוחות הטומאה - די סטרא אחרא און זיינע שליחים - מתגבר געווען אויף אים, וואס דאס האט גורם געווען א שווערע קטרוג דארט אויבן אין הימל, ביז עס איז כמעט ארויס א גזירה פון כליה חס ושלום אויף גאנץ כלל ישראל.

ווען ער האט איינגעזעהן די שרעקליכע סכנה וואס שוועבט, האט ער זיך אנגעטוהן שווארצע בגדים און מקבל געווען אויף זיך אז ער וועט נסתלק ווערן פון די וועלט אלס א כפרה כדי כלל ישראל זאל גראטעוועט ווערן. און טאקע יענע יאר איז ער נסתלק געווארן.

דער חיד"א שרייבט אז ער האט פארשטאנען פון די דאזיגע ווערטער, אז דער אור החיים הקדוש איז געווען באשטימט צו זיין דער משיח פון זיין דור אויב די אידן וואלטן געווען ראוי דערצו; אבער ער האט זיך מוסר נפש געווען און אוועקגעגעבן זיין לעבן פאר די טובה פון אידישע קינדער.

זאל די זכות פונעם הייליגן צדיק מגין זיין אויף אלע אידן וואס לערנען און העלפן פארשפרייטן זיינע תורות בפרטיות, ובכלליות אויף גאנץ כלל ישראל, יעדער זאל געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב ברוחניות ובגשמיות! אמן!

פינקן
מספר
הקדוש אור
החיים

***פינחס הוא שיבשרנו על בוא הגאולה***

ובדרך רמז יתבאר על פי דבריהם ז"ל (במד"ר פכ"א) שאמרו פינחס הוא אליהו אשר הוא עתיד לבשר עם בני ישראל בגלות האחרון... לכן אמר **הנני נותן לו את בריתי שלום** שהוא הברית שכרת עם האבות לתת להם עשרה עממין, וזה יקרא ברית שלום כי אז יהיה שלום בכל העולם... (במדבר כ"ה, י"ג)

***בשנת ה"א ת"ק היתה שעת רצון לגאולת ישראל***

...וכיון שלא זכו יתחיל החשבון מאלף ה' וחמש מאות מאלף הששי, ומקוים אנו כי הוא זה קץ גליותינו ויתקיימו כל היעודים הרשומים ויתחילו ניצוצי גילוי הגאולה בהתחלת חמש מאות הבאים לשלום. (במדבר כ"ו, כ"ב)

## הגליון נתנדב

לרגל יומא דהילולא של רבינו
הקדוש **חיים** ב"ר **משה** זיע"א
בעל ה**"אור החיים"** הקדוש
שחל ביום ט"ו בתמוז

זכות רבינו הקדוש תגן בעדנו
ובעד כל בית ישראל, להושע
בכל מילי דמיטב, ולכט"ס, אמן



פאר הערות אדער צו באקומען דעם גליון שיקט אן אימעיל צו: gilyonohr@gmail.com